באס I -- דער, מץ בעסער. 1. די נידעריקסטע מענלעכע שטימע.

1869 " ביידע [ שילרופערס ] סטארען זיך איבערשרייען אין שיל אריין, איינער מיט א באס- קול, דער אנדערער מיט זיין טענאר-שטימע, ווי א דועט". קמ גוטר 19.

1936 " מיט זיין אומגעלומפערטקייט און זיין שארפן, אנגעבראכענעם באס האט ער אנגעטריבן אף פלאַקוטשעווען א ציטער". ה. קאמענעצקי איבז פ. פאנפיאראוו, מיט פעסטן טראט" מינסק.

1963 " מיט א באס גערעדט". מ. דלוזשנאווסקי, פאראיין, 12.12.63.

2. א זינגער מיט א באסשטימע.

1815 " והיה לו משורר שקורין באס" קאפוסט, ז' 76, מ. אונגער, יידישע ווערטער אין שבחי בעשט', יידיש-3, נ"י, 1961, ז' 67.

1880 " ער איז געווען א משורר, איין באס, און איין גוטער באס, איין גרויסער יודע נגן". אמש, דער אידישער פאסלאניק, ווילנא.

? " דער באס בורטשעט אונטער ווי א בער". שע, אלט-נייע כתרילעווקע.

1970/71 " דער נייער ליטוואק איז געווען א באס און ער האט זיך צוזאמענגעשטעלט א באר פאר די ימים נוראים". א. פייוולאוויטש, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 145.

3. מוזיקאלישער סטרונע- אינסטרומענט פון א נידעריקן רעגיסטער. פֿאָל " יאָקל מיטן פידל, בערל מיטן באס, שפיל זשע מיר א לידל אויפן מיטן גאס". פֿל.

1929 " די פויקן פארטויבן דעם טיפן געוויין פון די פידלען, עס גראַבן די בעסער ווי אלטע קבֿרנים". מק, פאעמען, ווילנע, ז' 206.

1924 " האט מען ניט פארשיט מיט דעם מת אין דר'ערד זיין באס מיטן סמיק, ווי ער האט באגערט". מלה, די גאלדענע פאווע, קליוולאנד, ז' 30.

1963 " דער טראמבאן האט געריטשעט, דער באס האט אונטער-געכריפעט, די פויק האט געבאראבאנעוועט". מ. שטיקער, טמז 29.9.63.

1970 " און דו, ציגיינער, שפיל א ליד, שפיל אויף א לידל אויפֿן פֿידל אין מיטן גאס, ווייל אונדזער בערל מיטן באס איז שוין ניט מער צוריקגעקומען פון בוכענוואלד". מענדל ניגרעשל, טאנץ, ת"א, ז' 718.

0 באס-באריטאָן -- דער, =ען. 1. שטימע אויפֿן רעגיסטער צווישן באס און באריטאָן.

1955 " דער ערשטער -- א רעזאָנירער=ראָליסט מיט א ריזיקן באס-באריטאָן, האט אימפאנירט פֿון דער בינע מיט זיין האלטן זיך און אויסזען". זש' גראדנער אפקלאנגען, נרמ' 18, ב"א, ז' 12.

2. א זינגער מיט אזא שטימע.

באסהאָרן -- דער, =ס. מוזיקאלישער אינסטרומענט פון דער גרופע האָרנדיקע.

באסוויאָל -- דער, =ן. מוזיק-אינסטרומענט פֿון דער גרופע סטרונעדיקע, אין רעגיסטער נידעריקער פֿון וויאָל.

באספֿויק --- די, =ן. מוזיק=אינסטרומענט פון דער פֿערקוסיע=גרופע, גיט ארויס א קלאפ פֿון א נידעריקן טעמבער.

באס=פֿראָפֿונדע - דער, מצ באסן-פֿראָפֿונדע. זינגער=שטימע פֿון נידעריקסטן רעגיסטער.

באס=קלארנעט -- דער, =ן. מוזיק=אינסטרומענט פון דער האָרן=גרופע -- קלארנעט פון א נידעריקן דיאפאזאָן.

באסשליסל -- דער, =ען. נאָטן-שליסל פון נידעריקן רעגיסטער; שליסל פֿאַ.

בס

2

1724 " דער בס אונ' זינגר טוהן זיך איטליכר אויף איין זייט פון דעם חזן שטעלן". ר' יואל חזן, ריח ניחוח, פיורדא, שאצקי, אמ. פנקס I, 1927 - 1928.

ב אָ ס II - אדי. baz. בעסער; פארגלייכגראד פון גוט.

... " זי [אסתר] גיביל דעם קוניק בעש דען אל די דא ווארן דר קומען". מגל, ש׳ 194.

ב אַ ס I - דער, =ן, =עס. (אמ). 1. אייגנטימער פון אן אונטערנעמונג, פאבריקאנט.

1908 " מיין באַס איז גוט און איידל,// ער האט געזאגט, דער גביר: // די ביסט א שיינע מיידל,// וועסט ניצלעך זיין פאר מיר". מר I, נ"י, ז׳ 44.

1927 " דער שאַפּ קיילעכדיק, שטאַלק,// און דער באַס, מיט אקצענטירטן טראָפּ, // גיט אלע ווײלע א שליידער גאַליק - // אין פנים אריין: האַרי אַפּ, האַרי אַפּ!". הל, ציט אלע ווערק I, נ"י, 1940, ז׳ 391.

1930 " די ארבעטס מוז געמאכט ווערן, ווען ניט וועט דער באַס ניט קענען פינקטלעך אויספילן זיינע באשטעלונגען". אר, XIV, נ"י, ז׳ 181.

1970 " וואס אזוי דער אנברען ביי די באַסן, זעט שוין ניקל פון דעם ציטונג-אויסשניט". י. קאפלאן, געשליידער, ת"א, ז׳ 252.

2. (שפאסיק אדער איר) באלעבאַס; אנפירער פון אן אינסטיטוציע. אונדזער באַס איז היינט אין א שלעכטער שטימונג, - האבן זיך געוויצלט די באַמטע.

1928 " האט צייטן, מלמדים שטרייקן, פיין, פיין! נאך די מלמדים וועלן די סעקרעטארס נעמען שטרייקן! לאזן זיי וויסן די ׳באַסעס׳ אז א לערער איז נישט הפקר". אפּא, III, ווילנע, ז׳ 205.

3. (איר) פּאָליטישער מאַכער, ביוראַקראַט, תּקיף.

1964 "פון אַזעלכע באַראָטונגען פון פּאָליטישע באָסעס, מיט די גראָבע ציגאַרעטן, איז דאָס געקומען דער אויסדרוק 'פון אַנגערויכערטן צימער'". בצג טמז 19.4.64

|| באָסטע -- די, =ס. א פרוי א באָס. 1. דעם באָס' ווייב. 2.

באָסיזם – דער, דאָס פירן זיך תּקיפותדיק, ווי א באָס, ב3.

באָסיכע – די, =ס. דזוו באָסטע ~~1. דעם באָס' ווייב.~~

באָסיש -- אַדי. מיט די אייגנשאַפטן פון א באָס.

ב אָ ס II -- דער, =ן / =עס. (אַמ) אויטאָבוס.

1947 "מיר זעצן זיך אַריין אין באָס און מיר פאָרן". הל, מיט דער שארית הפליטה, קאָנצענטראַציע ז' 29.

1957 "קום, איך וועל דיך אַריינזעצן אין באָס", מאַל, א שטוב מיט זיבן פענצטער, נ"י, ז' 124.

ב אָ ס III -- דער, =ן. הויכער בוריאַן מיט שוואַרצע יאַגדעס, וואַקסט אויף מיסטבערגלעך, אין זומפּן. לויטן פאָלקסגלויבן האָט מען זיך געהיט די באָסן ניט אָנרירן, ווייל אין זייערע וואָרצלען האָבן כלומרשט שדים געהאַט זייערע נעסטן" [קרוולי].

ב אָ ס אַ ו ו י ד ל ע -- דער / די, =ס. (לאָקל, ווילנע) פויערישער קאָפּ, גראָבער יונג; האָלעדריגע.

1967 "יאַנעק די באָסאַווידלע האָט שוין אויך געקראָגן שכל זיך צו רייבן אויפן האַלצמאַרק צווישן די פויערים". א. קאַרפּינאָוויטש, ביים ווילנער דורכהויף, ת"א.

ב אָ ס אָ ו נ י ק -- דער, =עס. פּפּ באָסאַק. (איד) נאָכלויפער, אונטערלעקער, דער וואָס באַסעוועט צו (באַמקעט צו), זאָגט נאָך מיט חניפה, שטימט אייך מיט

אלץ וואס ס׳זאגט זייך עלטסטער, באלעבאס,
אנפירער.

1865 " וועגן דעם וואס דעם מיניסטער ביסמארקס
באסאווניקעס ווילן אויטדרייען, אז דעם קעניגס ברודער
[...]". קמ. נ׳ 5.

1867 " די וואס האבן געהאט אינטערעס עפעס דורכזעצן,
און זייערע באסאווניקעס, וואס זיי האבן געוווינען
פאר זיך [...]". קמ. נ׳ 47.

באסאווע -- אדי/אדוו. וואס איז (האט די
אייגנשאפט) פון (ווי) א באס: א באסאווע קול,
טאן; באסאווע סטרונע.

1911 " אלע וווּנדערן זיך: ווי קומט צו אזא קליין
יידעלע אזא געדיכטע באסאווע שטימע?".
שע. מע הוליעט, ציט אלע ווערק, נ"י 1944,
ב׳ IV - ב, ז׳ 229.

1929 " דער קאנגרעסזאל איז פארהילכט געווארן פון
בראווא-פאטשערייען און די געדיכטע באסאווע
טענער פון ארגל=מוזיק". בעמ II, ווארשע.

באסאזש - דער. בא. (ארכיט) סטיל פון
דעקאראטיווּן אויפבוי פון ווענט אין א בנין,
באשטייט אין אויסבולטן און ארנאמענטירן גרויסע
שטיינער, ציגל. % דער פאסאד פון מוזעום איז
געבויט אין באסאזש.

באסאטע - די, בא. "חברה, כאליאסטרע
(אין לשון פון די סאוויעטישע לאגערן)"[קטוו].

בּאָסאַמאַ – די, באַ. פּפּ באַסאַמאַן. 1. גראַבקייט, אומאײדלקייט.

1957 " פון מײַן קינדהייט אין פּרעמיסלע [מג] געדענק איך אַ אידיאָם" 'ער קומט מיט אַ באַסאַמאַ', ער גייט מיט אַ באַסאַמאַ', וואָס האָט באַטײַט: מיט אומאײדלקייט, מיט אומדרך=ארץ, מיט גראַבקייט. למשל, ווען מיר, קינדער, זײַנען נאָכן אַרומשפּילן זיך [...] געקומען הונגעריק [...] און פאַרלאַנגט שוין אויף דער שוועל [...] עסן, פלעגט די מאַמע דערויף רעאַגירן: 'זיי קומען שוין מיט אַ באַסאַמאַ! [...] באַסאַמאַ'! שטאַמט פון דער גוט באַקאַנטער אונגערישער קללה, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אונגעריש פון דער גאַס און פון זעלנער=לשון (דער שורש באַטײַט Coitare )". מ. אַלטבויער, ייִשפּ XVII – 1, ז' 9.

2. טומל, גערודער, גרילצעניש.

[195...?] " די באַן איז גיך געפלויגן און שטיין געבליבן מיט אַ גרויסן באַסאַמאַ". איבן אַ. רובינשטיין, ש. י. עגנון, אַ פּשוטע מעשה, ז' 244.

בּאַסאָן I – דער, =ען. 1. מוזיק=אינסטרומענט פון דער האָרן=גרופּע.

1955 " אַ מאָל קען זיך דאַכטן, אַז דאָס איז די ערשטע פידל [...] און אַ מאָל גאָר אַזאַ אומעטיק ברומענדיקע כלי ווי אַ באַסאָן". ל. קעניג, זש' צוק, נאָוועמבער, ז' 402.

=יסט. דער מוזיקער וואָס שפּילט אויף אַ באַסאָן.

בּאַסאָן II – דער, =[ען?עס?]. מין (אָן) רינאַל, כלי אַפּצוגעבן די השתנה און פּעקאַליעס, געניצט פאַר קראַנקע וואָס ליגן צו בעט.

6 בזאָס

1925 " מען מוז שאנעווען דאס הארץ [...] פון אזוינע קראנקע. אויך אורין און שטולגאנג דארף ער לאָזן אין א באסאן". פגעז, נ' 1, ווילנע.

באָסאַן: !!! - דער, =ען. [פאַרגרייזט פון באַסיין?]

1919 " די נירן טיילן אָפּ פון דעם בלוט דאס שלעכט(ע) וואסער אין באסאן (השתנה=געפּעס), און פון באסאן גייט דאס דורך פיל רורקעלעך און הייטלעך ביז אין פוזיר [פענכער] ביזן ארויסגאנג". טשי, ז' 9.

7. האָס —

באָסאַנאָזשקע -- די, =ס. (רוסיש, נאָ) סאַנדאַל, אָפענער זומערשוך. לעדערנע באַסאַנאָזשקע. דאס מיידל טראָגט באַסאַנאָזשקעס אויף די בארוועסע פיס.

באַסאָפיל -- דער, =ן. פּפּ באַזאָפיל (ביאָל)

א) די קעמערלעך פון בעל-חי= ארגאניזמען, וואס האבן א אין דער פראטאפלאזמע קערנדלעך וועלכע ווערן באפארבט מיט די פארבשטאפן, וואס האבן די אייגנשאפטן פון דער באַזע. 2) אין ענגערן באטייט - איינער פון די מינים לייקאָציטן.

באַסאָפיליע -- די, בא. פּפּ באַזאָפיליע (ביאָל) די פעיקייט פון די קעמערלעך און געוועבן פון א לעבע-דיקן ארגאניזעם (געוויקס, בעל-חי) צו באפארבן זיך מיט די באַזע=פארבשטאפן.

באַסאַק I -- דער, מב באַסאַקעס. סאָרט סאנדאלן, אייבערשטער טייל געמאכט פון פאסיקלעך, טייל מאל אויף הילצענע פּאָדעשוועס. אלע מיידלעך טראגן דעם זומער באסאקעס אויף בארוועסע פיס.

1930 " באסאקעס - זומערדיקע לויזע לעטשלעך".

ש. ווינטער, צו דער טערמינאלאגיע פון מלאכות, פּפּש II, ווילנע, שפּ 415.

o באסאק=מאכער - דער, =ס. בעל =מלאכה, וואס מאכט באסאקעס, סאנדאלן. אין זומער-סעזאן פארדינען די באסאק=מאכערס זייער גוט, זייער סחורה ווערט גיך צעכאפט.

באַסאָק II -- דער, =עס. מכשיר, באשטייט פון א לאנגן שטעקן, דער שפּיץ געקאָוועט און מיט א פארבויגענעם האָק. גענוצט דורך פייערלעשער ביי שׂרפות, דורך פליט=טרייבערס איינצוהאלטן די קלעצער אויפן וואסער ~~אאזוי~~ און מיט די באסאקעס האבן די פייערלעשער צעווארפן די ברענענדיקע ווענט.

1929 " די פעטערס איין נעפל מיט לאנגע באסאקעס, מע שפּריצט אויף די פליטן [...]". מק, פּאעמען, ריזען, ווילנע, ז' 41.

באַסאָק III -- דער, =עס. דזוו באסיאק.

באַסאָק --- דער, =ן. 1. (מוז) גראבע סטרונע פון א מוזיק=אינסטרומענט, וואס גיט ארויס די נידעריקסטע טענער. א באסאק האט געפלאצט ביי דער גיטארע, מע דארף אנציען דעם באסאק, וואס האט נאכגעלאזט.

2. (פיג) דער, =עס, פפ באסאָווניק. דער מענטש וואס באסעוועט צו, באמקעט נאך וואס מע זאגט; נאכלויפער, אונטערלעקער. דער אויפגעקומענער גביר האט שוין א סך באסאקעס.

| ... 189 | " ר' יעקב, אונדזער גילדן קעלבל, איז שוין קדוש! זיינע באסאקעס, די טענצער, דינען אים געטריי, רייבערן אים אונטער מיט ווערטער, לויבן זיין נאמען". ממוס, אלטע מעשה, צייט ~~...~~ ארויסגאבע, נ"י 1949, ז' 60.

באַסאַקאַמאַנדעניק -- דער, =עס. דזוו באסעקאמאנדעניק.

1882 "יעצט, אז די געשווירענע [...] און געביכלטע ... האבן פונעם באסאקאמאנדעניק באקומען א קלארע ידיעה [...]", ~~...~~, מיין ספר הזכרונות, נ'1, קיעוו, II-2.

באסאראבער I – דער, מצ דז. ווע באסאראבערנע(=ין) אפשטאמיקער, איינוווינער פון באסאראביע.
% ער איז פון דורות א באסאראבער, רעדט מיטן "אַ":
טאַטע, מאַמע,

באסאראבער II – אדי. פּפּ בעסאַראַבער. וואס
איז שייך צו באסאראביע / בעסאַראַביע. % באסאראבער
לאַנדשאַפט; באסאראבער ייִד.

1935 " באסאראבער [...] ערד; דיינע לאַנקעס, ווי
ס'שטערנטיכל שפּעדיק באַפּינטלט מיט בלומען".

י. טראכטנבערג, אויף באסאראבער ערד, סיגעט, ז'16.

באסאַרעליעף ---- באַרעליעף.

באס-באַי – דער, =ס.(אַמ, נאַ) באהעלפער פון א
קעלנער אין אַ רעסטאָראַן. % דער באס-באַי ראַמט אַראָפּ
דאָס געפעס פון די טישן.

ם | באסהייט | באשהייט / בוסהייט / בושהייט.
די, בא. ביי'קייט, שלעכטס, רשעות. Mhd: BOSHEIT

XV | 1544 " זוא וועלך מיר דען היידן איר בושהייט
ניט ור טראגן". שב, פערז 211.

1676 " אויך קומן גימיינקליק פון זוילכע ווייבר
בוזזי קינדר. אונ' דיא רעגיין ווערדן פון וועגן
אירר באשהייט אויף גיהאלטן". ברנט שפיגל,
פּפּדמ, פרק יד.

1744 " אויף איין זאלכן קלוגן מאן דער דא קענט פלייסיג
זיין אונ' גאטש חכמה אונ' תורה דיא דא קענט אויף
אים בשיצן פר אל בוסהייט". בע, ד. 214.

|...| באר משה טייטשט 'תזמחהנה'" - גיריכט אייער בושהייט. תי טייטשט: 'אייער שענדלעכקייט'.
יחזקאל, כג - מה|.

באסווידעןן --- טרוו. פפֿ: באסוועדען, באסוועזען, באסמידען. (כלש) באזעצן די כלה. [נפֿ, כלי-זמר-לשון אין פוילן, זב רשומות, אדעס, 1918, ז' 275; י. טריוואקס, כלי-זמר- לשון, זב ביי אונז יודן, ווארשע, 1923, ז' 168].

באסורמאַן - דער, = עס =ען. < TURK SL>

1. (ביטול) אנדערשגלייביקער, ספעציעל בנוגע מוסולמענער.

2. (פיג) שלעכטער מענטש, שונא.

1928 " ברידער! אונדזער פאטערל-קאמאנדיר איז |...| אויפן שלאכטפעלד גע-פאלן!.. איך נעם די קאמאנדע איבער!.. אויפן באסורמאן - נאך מיר!".
ש. גאדינער, דער מענטש מיט דער ביקס !, מאסקווע, ז' 66.

באסורע - די, בא. (שפא, נא) <SP: BASURA
מיסט.

1922 " גאנצע וואגאנעס מיט אזא באסורע [...].
מ. אלפערסאן, דרייסיק יאר |אין| ארגענטינע, ציט אויסג ב"א, 1960.

באסורערע - דער, =ס. <SP: BASURERO (שפא, נא)

1. מיסטקלייבער.

2. מיסטקאסטן.

באסט I – די/דער. בא. 1. דאס הײַטל, שאָלעכץ אונטער דער קארע פון א לינדנבוים. % דער פויער האט אפגעשיילט דעם באסט פון בוים.

2. ליקע, ליפ (פון וועלכן מע מאכט לאפטיעס אא.) [סטוטש 249].

3. מין פאדעם, געשפּין פון וועלכן ס'ווערט געוועבט צײַג, שטאָף.

1868 " [...] האט אונדז געוויזן זיינע פאבריקן ווו [...] עס ווערט געוועבט די באסט אויף די קליידער". אמד, די וויסטענייא זאהארא, ווילנע.

1926 " מיט א' באסט' און מיט א מארין// מיט אן 'אטלעס' און א דינגאל, // אויסגעשנורט זיי מיט זייך מוסטער". פּ. גודמאן, אין געפאן, נ"י, ז' 278.

ם באשט.

1722 " אונ' מיר גפינדן דש דא וואקסט שילך פון אייז בוים דז איז אלש וויא זיידי טוך דז מיר היישן באשט פון בוים". מהמ, לוּא.

0 באסטזייף – די, =ן. זייף אויסגעארבעט אויף דער באזע פון באסט פון געוויסע ביימער (מארסעלער זייף).

1900 " [ווערט] די זײַד פארן פארבן אויסגעקאכט מיט מארזיילער זייף פון זאדא [...] די זייף וואס מ'האט איך דעם די זײַד אויפגעקאכט רופט מען באסטזייף". ש. שפירא, קליידער-פארבעריי, ווארשע, ז' 112.

באַ ס ט II - [דער/די?] מין קאָרטנשפּיל.

1867 " מען האָט אַנגעצונדן ליכט און מען האָט פּראָסט אָנגעהויבן צו שפּילן אין קאָרטן באַסט אָדער אין האַלבע צוועלווע". אמד, דער רענדיל, ווילנע.

באַ ס ט - דער, באַ. (פּד) שטאַרקע בייזקייט, כּעס, רציחה. % קצבישער באַסט, חיהשער באַסט.

ער רעדט מיט אַזאַ באַסט, אַז די שום קומט אים אויף די ליפּן.

1865 "[...] זאָבינע וויינט האַלב פֿאַר שאַנד, האַלב פֿאַר באַסט". א. ב. רוף, אדעליע-ראָזע, וואַרשע, 34.

1937 " די רייד פֿון אַ יונגן-מאַן [...] וואָס מיט באַסט דורך די [...] פֿאַרשטשירעטע ציין". י. סמאַלאַזש, ~~ביים אָפֿענעם קבֿר, פֿון "גאָר" היים און פֿרעמד~~, ציט' אנט, ז' 407.

1965 " [...] איך האָב געקענט שרייבער, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געהערט אַזאַ וואָרט ווי 'באַסט'. באַסט איז דער טייטש בייזקייט, רציחהדיקייט, צו מאָל פֿאַרביסנקייט". צייט, טמז, I / 29.

באַסטאַ - (אינט) גענוג! געענדיקט! הער(ט) אויף!
% גענוג שוין געפּלוידערט, באַסטאַ! איך וויל דאס
מער נישט לײַדן—באַסטאַ!

1887 " א קוועטש פאַרן גאַרגל, שטעלט ער אַרויס די
צונג [...] אָדער אַ כירק [שניט] מיט מײַן כשר
חלפֿל און באַסטאַ...". ב. א. זאַביעזינסקי,
די שווערע צײַט I, װאַרשע, ז' 42.

1928 " זי האָט דאָך אים געקאַנט זאָגן, אַז זי װיל נישט
קומען [...] נו, װאָלט ער זיך אַרױסגעשלאָגן אײן
מאָל פֿון קאָפּ און באַסטאַ!". אפּא, I ז' 100.

1957 " כ'בין געקומען נאָר צו גאַסט, [...] האָבן
מיר זיך אָנגעקוקט און באַסטאַ!". ברוס,
שטילע ערד, נ"י, ז' 249.

באַסטאַמפּעוועןן - טרוו. (לאַקל באָס,װוו?)
אַרומשטעלן זיך אַרומרינגלען.

1963 " מיר, ייִנגלעך, פֿלעגן אים באַסטאַמפּעוועןן
און הערן". מ. מ. שאַפֿיר, איך קום אהיים,
מאָנטרעאַל, ז' 108.

---

רעד: אפשר "באַסטאַמפּעוועןן"? (געהערט אין לוויצק, װאָלין,
מיטן זעלבן טײַטש).

---

באַסטאַן - דער, =עס. (מאָלדאַװיש) 1. קירבעס.

1893 " שבת=אויפֿס, דאַרע באַרן [...] טרוקענע טאַרע,
באַסטאַן=קעזלעך, קויפּט, קויפּט לכבוד שבת, ייִדן".
י. אַרענשטיין, רעיונות ישראל, יאַס, ז' 22.

2. (פֿיג) אומפעיקער, פֿאַרשטאָפּטער (גראָבער) קאָפּ.
קאָפּ-צי-באַסטאַן". באַסטאַנישער קאָפּ, הער דיך צו
אַז מע רעדט צו דיר!" [קטוו].

3. (פֿיג) פּויליאַק, אומגעלומפּערטע בריאה: ריר דיך אַ
ביסל, דו באַסטאַן דו!" [קטוו].

ב א ס ט א ן I – דער, =ען [מצ זן]. 1. טאנץ, אין ריטעם פון א פאמעלעכדיקן וואלס. % " דאס פארל טאנצט א באסטאן. דאס טאנצן באסטאן איז שוין ארויס פון דער מאדע.

2. מעלאדיע פאר א באסטאן-טאנץ. % דער אָרקעסטער האט אויפגעשפילט א באסטאן, און דאס אלטווארג האט זיך א לאז געטאן טאנצן.

ב א ס ט אָ ן II – דער, =ען. (מצ זן). סארט דינער געוואַנט פון גוטער קוואליטעט. % גארניטור פון באסטאן. דער אנצוג פון באסטאן קאסט זייער טייער. באסטאן איז ענלעך צו דעם שטאף גאבארדין, אבער ניט אזוי גלאט.

ב א ס ט אָ ן III – דער, בא. מין שפיל אין קארטן, ענלעך צו וויסט, ווערט געשפילט אין פיר ענט מיט 52 קארטן. % מע האט זיך אויסגעזעצט ביי די קארטנטישלעך, און ס'איז אוועק א שפיל – ווער אין רעמי, ווער אין באסטאן.

ב א ס ט א נ ד ז ש ע – דער, =ס. (מאלדאוויש) מיטגליד פון לייב=גווארדיע.

1967 " מוסטאַפאַ=פּאַשאַ איז אנגעקומען [...], מיט א קליינער אפטיילונג באסטאנדזשעס". ברוס, זש' גק, נ' 59, ז' 12.

ב א ס ט א ן=ט ע ר י ע ר – דער, =ס. הונט פון דער טעריער-ראסע. % די דאמע האט אלע טאג שפאצירט מיט איר באסטאן=טעריער איבערן פארק.

ב א ס ט א נ ק ע – די, =ס. קליינע דרוקמאשין.

באסטארד - דער, ==ן/=עס. (פר, שפּא).

1. ממזר, אומגעזעצלעך געבוירענער. % דאס ייִנגל איז א באסטארד, די מאמע זײַנע האט אים אונטערגעוואָרפן בײַ דעם פינדלהויז.

FR: bastard; Spa: bastardo

1968 " שפּאַניע איז א לאנד פון ממזרים, זייערע טאטעס זענען געווען פארשאלטענע יידן [...], איז קיין אומגליק ניט אז די שפּאנישע אייניקלעך='באסטארדעס' זאלן געיידישט ווערן". ברוס, זש' גק, ב' 62-63, ז' 164.

2. (זידלווארט) אומלייט, אויסווארף. % דו באסטארד איינער, דו מנוול!.

באסטיאָן - דער, =ען. 1. טייל פון אן אמאליקער פעסטונג, אין דער פארעם פון א טורעם. % דיקע הויכע באסטיאנען, די באלאגערער האבן געשטורעמט דעם לעצטן באסטיאן פון ירושלים. די פעסטונג איז ניט איינצונעמען א דאנק אירע פיל באסטיאנען.

1956 " ס'איז אים געווען א שטאלץ זיך געבן א דערמאן // וועגן סאלדאטן יידישע אויף סעוואסטאפּאלער בארימטן באסטיאן". פּמ, מלחמה I, נ"י, ז' 183.

2. (פיג) זיכערער אנהאלט, פעסטע פּאזיציע.

1951 " ד"ר זאזנבוים [...] כאראקטעריזירט פּוילן ווי דאס לאנד פון רדיפות און פּאגראמען אויף יידן, לעטלאנד - ווי א באסטיאן פון רעאקציע".
ל. שמעוני, זב ליטע I, נ"י, ז' 255.

1973 " די 'ליטעראַרישע מאנאטשריפטן' (אין ווילנע) זײַנען ווייטער ווי פיר [...] העפטן ניט דערגאנגען, אבער צום פּערספּעקטיק אונדזערע נאציאנאלע באסטיאנען האבן זיי צוגעהאלפן". מווג, I, ז' 303.

באסטיליע - די/דער, בא. די טורמע=פעסטונג אין פאריז, וואס איר איינגענעמען איז געווען דער אנהייב פון דער פראנצויזידער רעוואלוציע, 1789.

1924 "היי, ראטעוועט פונעם באסטיל צום הארק-טריומף! // היי, ראטעוועט פון גרייץ - צום שווארצן אונטערגרונט". פם, זש' כאלאסטרע II, פאריז, ז' 12.

באסטירן - אטוו, פאר באסטירט. [פון ווארט באסטא (געגנוג)?] (גלש) אויפהערן זיך פארנעמען מיטן גנבה=פאך, פארענדיקן די מלאכה פון גנבענען.

% נאכן אפזיצן אטלעכע יאר אין טורמע, האט ער באסטירט, געווארן א לייטישער בעל=עגלה.

1919 "[...] "ווילסטו האבן א ווייב אויף סטאלע [א שטענדיקע] - זאלסטו באסטירן". פ. בימקא, גנבים, ווארשע, ז' 44.

1923 "באסטירן - פארענדיקן". י. טריוואקס, גנבים=שפראך, זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז' 161.

באסטן - אדי. באסטענע, =ער. געמאכט פון שטאף באסט. % די באסטענע פאטשיילע, דער באסטענער פאסיק.

1959 "לויפנדיק אויפן גראז איז איר ארונטערגעפאלן דאס באסטן טיכל פונעם קאפ. ק. מרמר, מיין לעבנס=געשיכטע, נ"י, ז' 26.

באסטן - אטוו. פאר געבאסטעט. (אמ נא) פלאצן, צעשפאלטן ווערן [קטוו].

באסטעווען - אטוו. (רוסיצ,נא) ---- שטרייקן.

באַסטערמאַק – דער, =ן. לאַנדווירטשאַפטלעכער מכשיר,

1965 "די מיידלעך [...] האָבן פֿלינק אַרויסגעוואָרפֿן מיט די בלאַנקענדיקע ווילעס, מיט די האַרבליעס [...], מיט די גלאַנציקע באַסטערמאַקן". נאָטע לוריע, הימל און ערד, מאָסקווע, ז׳ 152.

באַסטרוק – ----> ביישטרוק.

באַסטיאַק – דער, =עס/ (זן =ן. 1. וואַגאַבונד, אַרומשלעפּער, טרעמפּ.

.... "א באַסיאַק כאַפּט [...] א טיוק מיט [...] ראַמאַנען [?] [...] און טוט אים א שליידער אין וואַגאָן אַריין!". שע, סענדער בלאַנק.

1928 "א גרויער מאַן מיט צוויי פּאָר ברילן אויף דער נאָז איז געזעסן מיט א יונגן טרעמפּ (א׳באַסיאַק׳)". אפֿאַ III, ווילנע, ז׳ 235.

1927 "טרוימט דער תכשיט משה-לייב, // זינגט דער וועכטער טרי-לי-לי!// ענטפֿערט דער באַסיאַק: האַפּטשי". מלה, אין ניו-יאָרק, וואַרשע, ז׳ 43.

1936 "א באַסיאַק מיט רינגען צוויי אין אויער//פּאַרציט א קראַנקן ניגון פֿון זיין טרויער". סוצ, ציט פֿון I, ת״א, 1963, ז׳ 58.

2. באַרוועסער, האָלעדריגע, שלעפּער.

... "איבער דער מעשה מיט די באַסיאַקעס האָט זיך מיין חברה שטאַרק געשאַרפֿט דעם מוח, געאַמפּערט זיך, געדרשנט מיט כוונה". ממוס, צוריק אַהיים, ז׳20.

1948 "די סאָלדאַטן רופֿן צו א באַסיאַק [...], זיי גיבן אים אָפּ מיינע קליידער, מען הייסט מיר אָנטאָן זיינע שמאַטעס!" לייב יפֿה, זש׳ גאָפּ, נ׳ 11.

1964 "געמאַכט דעם איינדרוק גיכער פֿון א פּאַרגרעבטן באַסיאַק, א האָלעדריגע און א שלעפּער, ווי פֿון א חזנדל אויף ימים נוראים". ש. וויגאָדא, פֿאָר, 19.1.64.

3. לומפ, הפקר-מענטש, כוליגאן.

1899 " נאר דער נידערער המון, די 'באסיאקעס',

דאס וואס מען רופט 'לומפּען-פּראלעטאריאט', [...]

די מענטשן פרייען זיך, אז ס'איז דא ווו צו

ראבעווען, שלאגן, ברענען, בלוט פארגיסן".

זש' דער אידישער ארבייטער, נ' 7, זשענעוו [?], ז' 23.

5. אלוועלטלעכער לומפּ, נגיד.

1905 " וואס מאכסטו אנשטעלן, דו פרא-אדם, דו פוסטע גלאק, דו 'באסיאק' איינער?". שע, צעזייט און צעשפרייט, ציט אלע ווערק, נ"י, 1944, ב' IV - א, ז' 71.

1910 " נעבעך טאקע יידן... דערזעענדיק נאך פון דערווייטן א 'איש מצרי', א שווארצמאהניק, א באסיאק, ווערן זיי פארציטערט". פרוג III, נ"י, ז' 142.

4. (אין מצ) חברה, געזעלשאפט; טיילמאל מיט ביטול.

1905 " |...| און האב געגעבן א רוף-צענויף די חברה 'באסיאקעס' און האב געגעבן א שטעל אוועק א וועטשערע". שע, יוסף, ציט אלע ווערק, נ"י 1944, ב' IV - 3, ז' 125.

1927 " די קינדער האסטו אליין אין די באסיאקן= באוועגונג ארייננעצויגן". ברוך ברכיה, דער חלוץ, נ"י, ז' 82.

|| באסיאטשקע (רוסי). — ווי 3 באסיאק.

1949 " די באנדיטן-אנפירערין, וואס מען האט זי געריפען מארוסיא די באסיאטשקע, דערנענטערט זיך צו אונדז מיט אירע רייטער". י.י.ז. דערציילונגען, נ"י, ז' 325.

באסיאצקע - אדי. באסיאקיש, (ווי) פון א באסיאק.
% באסיאצקע רייד, באסיאצקע שטיק, באסיאצקע מעשים.

באסיאקיש — אדי/אדוו. (ווי) פון א באסיאק.

באסיין — דער, =ען. פפ באסען. 1. קינסטלעכער וואסער-רעזערוואר. % אין שטאטישן גארטן איז דא א גרויסער באסיין מיט וואסער. די קאטשקעלעך שווימען ארום אין באסיין.

דיזל "ל (לינגוויסט)

17a באַס

1894 " רחל איז צוגעגאַנגען צום באָסען אום צו נעהרן

[דערנענטערן] דאָס קינד צום שיינעם אַנבליק".

איבן הנ"ש, שולמית, לובלין.

1912 " די קולטור פון אַ פאָלק קאָן געגליכן ווערן

צו אַ וואַסער=באַסיין, וווהין עס גיסן זיך צונויף

אַלע שטראָמען פון דעם פאָלקסטשאַפן". זשיט IV.

נ"י, ז' 176.

2. ספּעציעלער וואַסער-רעזערוואַר צום שווימען.

1936 " גאַנצע טעג האָט ער געמאַכט ספּאָרט, געפּעכט,

געשווומען אין באַסיין". י.י.ז. ברידער אשכנזי,

ז' 654.

1970 " זיי די קינדער האבן אין קינדערהיים, א חוץ
דעם ביסל שפילן, אויך געגאסן פון גארטן, גימנאסטיק,
שפילן און א באסיין צו שווימען." ר. מאהלער, דער וגק
סאנץ, ת"א, ז' 761.

3. כלי צו וואשן זיך.

1882 "שטאט א מקווה מיט אלע פארמאלנאסטן [—פארמאליטעטן] ,
צערעמאניעס, האט ער זיך באגנוגנט מיט א באסיין".
ייִפאל 46, ז' 703.

1966 " א שפאניש װענטל האט פארשטעלט אן אפגערי-
בענעם, זשאווערדיקן באסיין אויף איינצוואשן זיך.
נאַד, אונטער דער זון, ת"א, ז' 53.

4. שטח, טעריטאריע וואס נעמט ארום א געוויסן טייך מיט
אלע זיינע בייטייכן. דער באסיין פון דער אמאזאנע
פארנעמט א האלבן קאנטינענט.

1921 " קורסקער דיוויזיע [...] איז געשיקט
געווארן צום דאנער באסיין, כדי אריינצוגיסן זיך אין
דער 13-טער ארמיי." [....] זש'דער קאמוניסט, נ' 9-8,
כארקאוו, ז' 19.

1951 " [...] וואס זאל כלומרשט ווייזן, אז יידן פון
דעם דניעפער-באסיין האבן גערעדט [....] אויף סלא-
ווישע דיאלעקטן." ימ, דב ליטע I נ"י, ז' 446.

5. געגנט ווו עס געפינט זיך א גרויסער סכום פון
א געוויסן מינעראל, מעטאל אע. קוילן =באסיין,
אייזן-באסיין. דעם גאלדבאסיין פון קאליפארניע האט
מען גיך אויסגעשעפט. דער קוילן=באסיין פון רור
געהערט צו די רייכסטע אין אייראפע.

6. (פיג) ארט פון צונויפגיסונג, פון אויפזאמלונג,
1912 "וואס פאר א אריגינעלע און רייכע פראדוקטן פון דער
מענטשלעכער קולטור וואלטן געקענט ארויסקומען, ווען
די דאזיקע כוחות וואלטן זיך צונויפגעגאסן אין איין
באסיין". זשיט XI, נ"י, ז' 185.

o באסיינדאק - פארט=איינריכטונג צו בויען אדער
פארריכטן שיפן

באַסינעט I ~~זער~~ דער, =ן. (לאָקל, פֿראַנקרײַך?) <FR: BASSINET קלײנע שיטל, װאַנעלע.

באַסינעט II -- דער, =ן. טײל פֿון אן אנטיקן געװער.

באַסיסט -- דער, =ן. מוזיקאנט, װאס שפּילט אויפֿן באס= אינסטרומענט. % אין ארקעסטער איז צוגעקומען א נײער באַסיסט.

1970 " [...] ארקעסטער, װעלכע האט געשפּילט אויף חתונות, דער בלינדער אויף אײן אויג פֿלײטיסט און דער גראבבײכיקער באַסיסט". ~~ר. סאהלער, רעד.~~ סאנץ, ת"א, ז' 698.

באַסיק -- אַדי. װי פֿון א באסשטימע, אין טאָן פֿון א באס.

1921 " די באַסיקע בינען, די גרילן זײ זוכן די טענער דורך שפּילן און זומען". סעג, קאַפּריזן, װארשע, ז' 189.

באַסיק -- דער, =עס. דזור באַסאַק II. [...] 1911 " דערנאך האט ער זיך ארומגעגליטשט מיט דעם באַסיק אויף דעם בערגל |...|" װוּיס I, ~~[illegible]~~ װארשע, ז' 25.

~~|1951 " מע גנבעט זיך ארום די גרינע באַסכבעס~~
~~סוכות" זש, שקלאװער קינדער, נ"י, ז' 19.~~

באַסכבעס | באַסכאַכעס -- מאַדי פֿון באַסכבן (שנשן). באַדעקט מיט סכך. 136

1951 " מע גנבעט זיך ארום די גרינע באַסכבעס סוכות" זש, שקלאװער קינדער, נ"י, ז' 19.

**באַסלינ(י)ען - טרוו.** 1. |קטגו.| <P: Oślinie

באנעצן עפּעס/עמעצן מיט שפּײעכץ. % ער **באַסליניעט** די מארקע און קלעפּט זי צו צום קאָנװערט.

דאָליניער — סל״ג. P: Oślinić > . ו. [קס״ו]

ג. דאָליניער: אַ דאָרף. אין טאַרנעפּאָלער קרייז, צווישן זבאַראַזש

מערבֿ און טרעמבאָוולע די 13 ביז 16 קילאָמעטער.

19a באָס

באָסלינ(י)ען – טרוו. באַנעצן מיט סלינע.

% דאס קינד האלט אין איין באַסלינען דאס פארטעכל.

דער פויער האט באַסלינעט דאס שטיקל פאפיראָס=

פאפירל און פארדרייט דאס ציגארל.

1947 " געריסן דאס טונגעלע ברויט [...] און באַסליניעט

עס צענדליקער מאל ". י. שפיגעל, מלכות געטא,

לאדז, ז' 29.

באַסלעס – דער, מצ ווי אָז. (לאָקל, פּומפּיאַ'ן, ליטע)

א פלאָקן, |קטוו|.

(← LIT. ~~BALYS~~ Baslys)

באָסמאַזשען – טרוו. (פאַל, נאָ) (?נ?)

1. צופרעגלען פון אלע זייטן א שפייז:

צופרעגלען. די קאטלעטן זיינען שוין גוט באַסמאַזשעט.

באַסמאַזשען זיך. (איר) שטארק אפגעברענט זיך אויף (?נ?)

דער זון. % דער בחור האט זיך היפש באַסמאַזשעט אויף דער

פליאזשע.

באסמאַטש - דער, =עס. 1. רויבער, באנדיט.

2. אין ראטנפארבאנד - אַנטיילנעמער פון די מחנות וואס האבן געקעמפט קעגן דער סאָוועטן=מאכט אין מיטל=אזיע.

|| =יש - אדי, פון די באסמאטשן.

1936 " מיט דריי טעג פריער, איידער ס׳איז פארגעקומען דער באסמאטשישער אנפאל". איבן

ב. יאסיענסקי, דער מענטש בײַט די הויט, מינסק,

באסמאַקעווען זיך - דזוו פאסמאקעווען זיך, האבן הנאה פון עסן, עסן מיט אפעטיט א שפייז וואס געפעלט.

1909 " ער באסמאקעוועט זיך |טעקסט:בעשמאקעוועט זיך|. ער פילט א ווייכקייט". מ. יודעלסאן, דאס רייכע לאנד, ז׳ 19.

באסמאַרקען - טרוו. באשפריצן, באגיסן מיט סמאַרק (נאז=אויסשיידונג). % דאס קינד האט א קאטער, עס האלט אין איין באסמארקען זיין העמדעלע.

באסמארקען זיך - (רעפל) % שוין א גרויס ייִנגעלע און באסמארקעט זיך נאך א לץ.

ער האט זיך באסמארקעט - געמאכט א שלעכט געשעפט, אריינגעפאלן אין א שלעכטן עסק.

באסמידען - דזוו באסווידען.

20a באס

באסניאַק - דער, =ן, פּפֿ באשניאַק.

אפשטאמיקער פון באסניע, לאנד אויפן באַלקאַנישן האלבאינדזל.

1970 " מיט ליולקעס האנדלען די באסניאַקן (זיי טראגן קאַפּלעך ווי די טערקן)// די טעפלעך דראַטעווען סלאָוואקן // זיי קומען פון די טאַטרא=בערג". מ.נייגרעשל, לידער, יזב.סאנץ, ת"א, ז' 711.

|| =יש. 1. ווי (פון) א באסניאַק, וואס איז שייך צו א באסניאַק.

2. די שפראך פון די באסניאַקן.

1970 "...|זיי ריידן פויליש |...| סלאָוואַקיש,// שוואַביש און באסניאַקיש". דצוו, ז' 716.

באַסניע - די, =ס. (רוסיש, נאָ) R: Басня
משל, פאַבל.

1870 "הייסט מען דאָס קינד זאָגן אויסנווייניק א משל (באַסניא) א מעשה (ערציילונג) און דעסגל [דאָס גלייכן]". נ. הערשענהאָרן, קמ, נ׳ 27.

1908 "דעם פּאָעט איז איינגעפאַלן א געדאַנק, אַז אונדזער פאָלקס=ליטעראַטור פעלט נאָר איין זאַך - פאַבלען, "באַסניעס". שע, פּיר, זינגען, מיר, געזעסן, ציט אַלע ווערק, נ"י, 1944, ב׳ V-ב. ז׳ 177.

◻ אַלץ איין באַסניע - אויף א זאַך וואָס מע חזרט איבער [illegible] מאָל. אַלץ די זעלבע (די אייגענע) באַסניע - וועגן דער פּורים=מגילה. אַלע טאָג איין באַסניע - די ווייבער וועגן דעם אַז מע מוז קאָכן וואַרעמס.

באַסניש - אדי, פּפּ באַשניש. פון באַסניע.
% באַשנישע פלוימען [ב. ראַבאַק, יישפּ XII - 2, ז׳ 161].

באַסע I - אדי. (רוסיש, נאָ) באַרוועס. פּלאָס׳
◻ באַסע שליטן - ניט אונטערגעשמידטער שליטן.

1957 "אויף דעם פריש געפאַלענעם פּוכקע שניי האָבן זיך געגליטשט די ׳באַסע׳ שליטנס". ר. קאַרן, 9 דערציילונגען, מאָנטרעאַל, ז׳ 59.

באַסע II - די, =ס. זידלנאָמען פאַר אַן אויסגעלאַסענער פרוי; זונה. [י. אַקרוטני, יידישע פרעסע, ב"א. 20/V-62].

באַסעדאָוו=קראַנקייט - פּפּ באַזעדאָוו=קראַנקהייט. א קראַנקייט פון דער שילדדריז, על=פי=רוב ליידן פון איר פרויען. (E: Graves' disease)

באַסעווען - אוטוו. 1. זינגען מיט א באַסשטימע.

ביי דעם בחורל ברעכט זיך די שטימע, ער באַסעוועט שוין א ביסל.

2. נאָכזאָגן עמעצן, צושטימען, מסכים זיין: דער יונגער-מאן האט נישט קיין אייגענע מיינונג, ער באַסעוועט אויף אלץ וואס מע זאגט.

באַסעווען -- אוטור. (אַמ) 1. זיין א בעל=הבית, פירן זיך, אנפירן ווי א בעל=הבית: דער נייער דירעקטאר האט זיך גיך אריענטירט און באַסעוועט נישט שלעכט.

2. הערשעווען, קאמאנדעווען, פירן זיך תקיפותדיק: דער פאבריקאנט האט נאָר געבאַסעוועט, זיך גראב באצויגן צו די ארבעטער, זיינען זיי זיך צעלאָפן.

1961 "ער וויל ניט, אז א פרעמדע פרוי זאל 'באַסעווען' און קאמאנדעווען איבער זיין יתומהלע". ד"ר סאהן, פאָר, 30/VI.

1972 "איך וויל ניט באלעסטיקן מיין מאן און איך וויל ניט באַסעווען איבער אים" בינטל בריוו, פאָר, 22/II.

באַסעט -- דער, =ן. מין הונט.

באַסעט=האָרן -- דער, = האָרנס. מוזיק=אינסטרומענט פון דער האָרן=גרופע.

באַסעם -- אדוו. נאר אין דעם אויסדרוק: באַסעם קוקן - קוקן בייז, ציטיק, ניט גלייך אין די אויגן "קטור".

באַסע קאַמאַנדע -- די, =ס. 1. א חברה באַרוועסע, אפגעריסענע; ארעמע=לייט, שלעפערס: אין דעם מאַרקטאָג האט זיך אראפגעלאזט אין שטעטל א באַסע קאמאנדע און מע גייט איבער די הייזער. וויפל מע גיט זיי, די לייט פון דער באַסע קאמאנדע איז זיי אלץ ווייניק.

1881 " אז די ארעמע באסע קאמאנדע נעמען אפ די נדבות ביים חולה און ווינטשן אים צו " ער זאל האבן א רפואה שלמה", מיינען זיי גאר פארקערט: ער זאל גיכער שטארבן און מע זאל פאר דער מיטה נאך א מאל טיילן | נדבות|".

א. בלוגאטש, די וועלט מסורה, ווארשע, ז' 10.

1966 " אבער ער, ר' מיכאל אליין, איז געזעסן ביים לאנגן טיש מיט זיין כאליאסטרע, די באסע קאמאנדע און זיך ניט אנגעהויבן צו מיאוסן אפילו". פ. רודא, טמז, III 23.

196..? " די דאזיקע קאמעראדן זענען געווען דרייסיק בראדיאגעס, ארחי-פרחי פון גאנצן לעוואנט, א באסע קאמאנדע".

נ. ברוסילאוו. ארץ זש, גק, נ' 59 ז' 19.

2. א חברה הפקר=יונגען, לומפן, כוליגאנעס, שלעגערס.

די יידישע זעלבשוץ האט פארטריבן די באסע קאמאנדע וואס האט געפראוווט מאכן א פאגראם.

1881 " אזעלכע זיפצן האט מען אויך געהערט פון די יידישע פריילינס [...] און פרויען, בשעת די באסע קאמאנדע האבן ביי זיי אוועקגערויבט זייער ערע".

מ.ב. זאביעזינסקי, די שווערע צייט IV, ווארשע, ז' 16.

1904 " די ראסטאוו'ער 'באסע קאמאנדע' האט שטורמיש צוגעבראכט די נאכט [...], דערפילנדיק זיך וואס עס איז ניטא קיין פאליציי, האט זיך קודם כל גענומען ראבירן די שענקען" [...] איבן ג. פלעכאנאוו, 'דער רוסישער ארבעטער [...], זשענעוו, 1904 ז' 92.

3. חברה קונדייסים, וויסע חברהניקעס, מזיקים. די יאטלעך פון דער באסע קאמאנדע זיינען שוין אויפן הויף - זיי זאלן כאטש ווידער נישט אויסשלאגן א פענצטער.

1825 " [דער מנהג] פון דעם שולקלאפן האט א צייט מיט יארן עקסיסטירט, נאר ערשט דא ניט לאנג האבן די באסע קאמאנדע אזוי אנגעקלאפט אין די פענצטער [...], איז דער מנהג א ביסל בטל געווארן, ווייל אז דער שמש וועט קומען קלאפן, וועט מען מיינען אז א באסע קאמאנדע

קלאפט". ר׳ הערשעלע אסטראפאליער !!, ווילנע, ז׳ 20.

" אויפן בערעזקאווער הויף האט חיימס 1957

באסע קאמאנדע געטאנצט א קאראהאד אין א קאלוזשע".

ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז׳ 102.

באסעבקאמאנדעניק -- דער, =עס. איינער פון א באסע קאמאנדע. 1. שלעפער.

1885 " די קאנטעקאזאווער [חסידים] באשטייען פון |...| בעל=עגלות, שניידערייונגען, באסעקאמאנדעניקעס".
יי׳פאל, נ״י, ז׳ 594.

2. כוליגאן, פאגראמשטשיק.

1893 " דער יידאין גלות ווערט |...| א מאל באפאלן פון גויִשע באסע=קאמאנדעניקעס, וואס צערייסן אים זיין בעטגעוואנט". ב. פייגענבוים, דיא גאולה, נ"י, ז׳ 40.

3. א קינד / יינגל, א שטיפער, א קונדס, מזיק. % ביסט שוין אויך א באסעקאמאנדעניק, שפּילסט זיך מיט א ליאדע ווערעמען פון גאס?

באסעקן זיך -- אוטוו. (ווולג) אוועקזעצן זיך. וואס דרייסטו זיך ארום, שלימזל? - באסעק זיך שוין אויף אן ארט!

באסערען זיך -- (ווולג) אראפגעבן אונטער זיך די מאגן=אויסשיידונגען: דאס פיצל האט זיך שוין ווידער באסערעט.

באספאר -- דער, בא. ( ) דורכגוס צווישן שווארצן ים און מיטללענדישן ים.

1910 " פון אנאטאליען |...|, פון דעם בלויען באספאר |...| הייבן זיך אויף די אומרויקע פארשאלטענע נשמות" |...|". ש. פרוג, !!! , נ"י, ז׳ 167.

1948 " צו יענער צייט האבן יידן |...| אויפגעבויט די גרויסע קהילה אין אלעקסאנדריע, און יידישע שיפסלייט פלעגן פארפארן ביזן באספאר און ווייטער". ה. גארבער זשוּ אפ, ב"א, ז׳ 6.

באספקלריא המאירה [בעאספאקלאריע האמעירע] --- אדוו. פר. ( ) ( ווי ) אין א קלארן שפיגל.

" אויפן בערעזקאווער הויף האט חיימס
באסע קאמאנדע געטאנצט א קאראהאד אין א קאלודשע".
ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז' 102.

באַסעק אַמאַנדעניק -- דער, =עס. איינער פון
א באסע קאמאנדע . 1. שלעפער.
1885 " די קאנטעקאזאווער [חסידים] באשטייען פון
|...| בעל=עגלות, שניידערייונגען, באסעקאמאנדעניקעס".
יעפאל, נ' 34, ז' 594.
2. כוליגאן, פאגראמטשיק.
1893 " דער יידן אין גלות ווערט |...| א מאל באפאלן
פון גוישע באסע=קאמאנדעניקעס, וואס צערייסן אים
זיין בעטגעוואנט". ב. פייגענבוים, דיא גאולה, נ"י, ז' 40.
3. א קינד / יינגל, א שטיפער, א קונדס, מזיק, ביסט
שוין אויך א באסעקאמאנדעניק, שפילסט זיך מיט א ליאדע
וועמען פון גאס?

באַסעקן זיך - אוטור. (ווולג) אוועקזעצן זיך.
וואס דרייסטו זיך ארום, שלימזל? - באסעק זיך שוין
אויף אן ארט!

באַסערען זיך -- (ווולג) ארויסגעבן אונטער
זיך די מאגן=אויסשיידונגען. דאס פיצל האט זיך שוין
ווידער באסערעט.

באַספּאַר -- דער, בא. (געאגר) דורכגוס צווישן שווארצן
ים און מיטללענדישן ים.
1910 " פון אנאטאליען |...|, פון דעם בלויען באספאר
|...| הייבן זיך אויף די אומרויקע פארשאלטענע נשמות".
|...|". ש. פרוג, שריפטן !!!, נ"י, ז' 167.
1948 " צו יענער צייט האבן יידן |...| אויפגעבויט די
גרויסע קהילה אין אלעקסאנדריע, און יידישע שיפסלייט
פלעגן פארפארן ביזן באספאר און ווייטער". ח. גארבער
איך זשע אפ, ב"א, ז' 6.

באַספּקלריא המאירה [בעאספאקלאריע האמײַרע]
--- אדוני, פר. (תמ) (ווי) אין א קלארן שפיגל.
1895 " [...] איך זע באספקלריא המאירה, אז דער

מידת הרחמים רייסט זיך בכל מאמצי כוח צו מיר".

ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז׳ 68.

באַסק -- דער, =ן. אנגעהעריקער צום פאלק באסקן, באוווינער פון צפונדיקן טייל פון פירענעישן האלבאינדזל (צפֿון=שפּאניע). די באסקן זיינען אן אלט פאלק.

באַסקיש I --- דאס. די שפּראך פון די באסקן: באסקיש, געהערט צו דער קעלטישער שפּראך=משפּחה.

באַסקיש II -- אדי. פון באסקן, וואס איז שייך צו באסקן. טייל באסקישע פּארטייען קעמפֿן פֿאר אומאפּהענגיקייט פֿון זייער לאנד.

באַסקייט -- די / דאס. פֿפֿ בוסהייט, (ארכ) בייזקייט, שלעכטס, רשעות.

1814 " דער וואס פֿאר זייעט איין עולה שניידט זיך א קריוודע, א מאל אז דאס תקיפות פון זיין באסקייט וועט זיך אויס לאַזין". מס, משלי, כב-8.

1721 " (מעשה אנוש) דש ווערק פֿון איין מענש (תחבולותיו) זייני גידאנקן זיין בוסקייט [...] איז איין אייטל שאלקייט [...]". מחזור ר"ה ז, וו"כ, הומבורג, ככב - 2.

באַסקינע -- די, =ס. (ארכ) פֿפֿ באסקינדע [?]. אמאַליקע יופּקע (ספּודניצע) אין שפּאנישן (באסקישן) סטיל.

1881 " [...] די רופֿאטע האט ביי מיר גענומען א וואלענע באסקינדע מיט א זיידענע קוצעפּייקע אויף צוויי וואכן אן געלט". דלוגאטש, וועלט מטורה, ווארשע, ז׳ 52.

1925 " דריי פירטל יאקע מיט א סאמעט=קראגן, א גרוי קאסטיום [...] מיט א באסקינע און א פאלדן= שליאבע. ז. מוירער, זיי נישט קיין וואלער יונג, טארנאוו, 1925, ז' 49.

באסקע -- די, =עס. באסקיש היטל, בערעט. א שווארצע באסקע. די פאראשוטיסטן טראגן רויטע באסקעס.

באסקע -- די, =ס. (פויליש) (שטאל) פוילן: איבערגעטריבן פרום. זי איז א שטיק באסקע, פרום ווי די באסקע.

[? MATKA BOSKA]

באסקעט -- דער, =ן. (אמ, נאא) קויש, קארב: פון סופער-מארקעט איז זי ארויס מיט א פולן באסקעט פרוכטן און גרינסן.

1908 " אין דער היים האט ער באהערשט די קלויז, האט שאלות דארט געפסקנט, און דא גייט ער פון הויז צו הויז און טראגט אויף זיך א באסקעט". מר I, נ"י, ז' 323.

~~E: basketball~~ (אמ)

באסקעטבאל -- דער, בא. קוישבאל, ~~ספארטשפיל, פארמעסטונג.~~

דער שפּאָרטיקער מאַנשאַפֿט פֿון באַסקעטבאָל האָט געוווּנען דעם טשעמפּיאָנאַט פֿון אייראָפּע.

1965 " דער 'הפועל' אין ליטע האט זיך אפגעגעבן מיט פוטבאל, לייכט=אטלעטיק, באסקעטבאל, באקס, שווערגעוויכט". ליטע ~~25~~ II, ת"א, ז' 498.

באסרוכעון -- טרוו. (וולג) באלטינקען, אנשטינקען. דער טכויר האט באסרובעט דעם גאנצן שטאל.

באסרחעון זיך -- אסור; [באסארכען] אנשטינקען, לאזן א שלעכטן ריח.

זכות=אבות האט זיך באסרחעט וועגן אומפארדינטער הצלחה.

(וולג, שלעכט)